בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

תשפ"ו

434

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַּארְ'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## באראַ פּאַרק
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וֶועל אִיךְ וַוייטֶער פַאלְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַּארְוָואס? פַּארְוָואס גֵייט עֶס אַזוֹי? שׁוֹין אַזוֹיפִיל צַייט וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין פְּגַם הַבְּרִית הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַס וְשָׁלוֹם, אוּן נֶעכְטְן בִּין אִיךְ נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן גְרַאדֶע נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט, נָאךְ אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעלֶערְנְט, אוּן יֶעצְט דַוְקָא וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ נֶעכְטְן אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ, דַוְקָא נָאכְדֶעם בִּין אִיךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן; פַּארְוָואס?

אִיךְ וֵוייס אַז וָואס הֶעכֶער אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרוֹיף, וֶוערְן זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת שְׁוֶוערֶער, אָבֶּער וֶועט עֶס טַאקֶע זַיין אַזוֹי אַ גַאנְצֶע לֶעבְּן? וֶועל אִיךְ אַ גַאנְצְן צַייט פַּאלְן אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן פַאלְן אוּן זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן נָאכְאַמָאל פַאלְן אוּן נָאכְאַמָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן? וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין מְנוּחָה פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע? אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ אַזוֹי שְׁלֶעכְט, וֶועל אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען אַרַיינְגֵיין אִין דִי קְדוּשָׁה?

אִיךְ וִויל דָאךְ אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַ צַדִיק, אוּן גָארְנִישְׁט... וִוי נָאר אִיךְ גֵיי אֵיין טְרֶעפְּל נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פַּאל אִיךְ גְלַייךְ צוּרִיק אַרָאפּ אַ גַאנְצֶע שׁוּרָה טְרֶעפּ, וָואס וֶועט זַיין? אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ מֶער, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס.

אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע נְשָׁמָה וָואס וִויל זַיין גוּט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן? דִי עֲבֵירָה פוּן פּוֹגֵם זַיין בִּבְרִית אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, עֶס אִיז אַ מַחֲלָה וִוי אַלֶע מַחְלוֹת, אוּן אוֹיב מֶען קֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן דֶעם דַארְף מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער עֶר זָאל פַארְשְׁרַייבְּן מֶעדֶעצִין; וַוייל דִי עֲבֵירָה מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע. אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לו), אַז נִיאוּף מַאכְט מְשׁוּגָע, אוּן אַמָאל אִיז עֶס אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אַז עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם נָאר דוּרְךְ וְכוּ׳, עַיֵּין שָׁם; אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם, סִימָן ס), אַז דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית מַאכְט אַז דִי מֹחַ זָאל וֶוערְן אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט, בִּיז מֶען וֶוערְט מְשׁוּגָע.

דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט, עֶס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה, דִי עֲבֵירָה מַאכְט מֶען זָאל הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס בְּרֶענְגְט מַחֲשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת, מֶען וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער מֶענְטְשׁ; וַוייל דִי עֲבֵירָה מַאכְט חָרוּב דֶעם מֶענְטְשׁ, סַיי פִיזִישׁ; מֶען וֶוערְט קְרַאנְק, אוּן סַיי גֵייסְטִישׁ, מֶענְטְל; מֶען וֶוערְט אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל מֶער נִישְׁט צוּ זִינְדִיגְן אִין דִי עֲבֵירָה, אוּן גֶעווֹאוֹין זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], אוּן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן, אוּן וְעַל כּוּלָם זַיי זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּ אִים עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיךְ מְקָרֵב זַיין צוּ אִים, דוּ זָאלְסְט מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, זוּךְ דִיר אַ פְּלַאץ, אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, אוּן שְׁמוּעֶס אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן; דֶערְצֵייל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט אוּן וִוי שְׁוֶוער עֶס גֵייט דִיר, וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט דִיךְ אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; דָאס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע דִינִים, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיט תַּרְגּוּם פוּן דִי פַּרְשָׁה פוּן דִי וָואךְ אַיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ; זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג

בִּיז שְׁלִישִׁי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא; אֲפִילוּ בְּאוֹפָן פוּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אָן פַארְשְׁטֵיין, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "אֵין צְרִיכִין בְּלִימּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד", מֶען דַארְף נִישְׁט בַּיים לֶערְנֶען נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ אַז מֶען הֵייבְּט אָן פַארְשְׁטֵיין; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע וֶועג פוּן לֶערְנֶען פַאר דִי אַלֶע וָואס זִינְדִיגְן אִין דִי עֲבֵירָה אוּן פַארְלִירְן זֵייעֶר מֹחַ, דִי פְלִיסִיגְקֵייט פוּן מֹחַ טְרוּקֶנְט זִיךְ אוֹיס אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט קָאנְצֶענְטְרִירְן, מֶען קֶען נִישְׁט מִיט הַאלְטְן דָאס לֶערְנֶען, אוּן מִיט דִי דֶרֶךְ הַלִּימּוּד פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען יָא זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען מֹחַ אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס הָאט מַיין וַוייבּ פַארְלוֹירְן דִי חֵן?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין אַ שְׁטִיק צַייט וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער דֶעם וָואס מַיין וַוייבּ הָאט פַארְלוֹירְן דִי חֵן אִין מַיינֶע אוֹיגְן, עֶס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁטָא קֵיין גֶעפִילְן צְווִישְׁן אוּנְז. אִיךְ וֵויין יֶעדְן טָאג בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת אַז אִיךְ וִויל אֶמֶת'דִיג לִיבּ הָאבְּן מַיין וַוייבּ, אִיךְ וִויל הָאבְּן אַ גוּטֶע שְׁלוֹם בַּיִת, אוֹיפְן וֶועג ווִי אַזוֹי דִי צַדִּיקִים לֶערְנֶען אוּנְז, אוּן בָּרוּךְ ה' אַז הַיינְט הָאבּ אִיךְ בַּאקוּמֶען מַיין עֶנְטְפֶער אִינֶעם 'מִכְתָּב יוֹמִי' פוּן דָאנֶערְשְׁטָאג אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּר [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו].

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א קֶען מִיר גֶעבְּן נָאךְ חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף דֶעם.

יְיִשַׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן - פַּארְלִירְט מֶען דִי שָׁלוֹם בַּיִת; עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְבָרִים כג, טו): "וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ", אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף, מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן - גֵייט דִי שְׁכִינָה אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דָאס אִיז דִי זַאךְ וָואס דִי וַוייבּ פַּארְלִירְט פְּלוּצְלוּנְג דִי גַאנְצֶע חֵן; עֶס אִיז נִישְׁט דִי וַוייבּ, זִי אִיז נָאר דִי שְׁפִּיגֶעלֶע פוּנֶעם מַאן.

טוּ תְּשׁוּבָה אוּן זַיי זִיךְ מְקַבֵּל צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, וֶועט דַיין וַוייבּ צוּרִיק בַּאקוּמֶען אִיר חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן. מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶער צַדִיק רֶבִּי מָרְדְּכַי מְלֶעכֶעוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶס שְׁטֵייט (צְפַנְיָה ג, כ): "בְּשׁוּבִי אֶת שְׁבוּתֵיכֶם, לְעֵינֵיכֶם", טַייטְשְׁט עֶר, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, זָאל מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט מִיט דִי אוֹיגְן; אוּן דִי חֵן אוּן לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטוּבּ וֶועט וֶוערְן שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער; אַזוֹי אוֹיךְ טַייטְשְׁן צַדִיקִים וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית כד.) "כַּלָּה שֶׁעֵינֶיהָ יָפוֹת", דָאס מֵיינְט מֶען, אַ אִיד וָואס דִי אוֹיגְן זֶענֶען אִים רֵיין אוּן שֵׁיין - אִיז דָאס אַ סִימָן אַז אַלֶעס אִיז גוּט.

מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט חֵן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּתוּבּוֹת עז:) אוֹיפְן פָּסוּק (מִשְׁלֵי ה, יט): "אַיֶּלֶת אֲהָבִים וְיַעֲלַת חֵן", אוּן זַיי מִתְפַּלֵל, בֶּעט אַז דִי שְׁכִינָה זָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן אִין שְׁטוּבּ, וֶועט זַיין חֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**מֵיין נִישְׁט אַז יֶענֶעם אִיז בֶּעסֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי נִישְׁט מְקַנֵא אַנְדֶערֶע, מֵיין נִישְׁט אַז יֶענֶעם אִיז בֶּעסֶער, נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵא זַיין. מוֹהֲרַנַ"ת הָאט גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אֵיינֶעם מְקַנֵא זַיין - אִיז דָאס אַן

עֶרְלִיכֶער אִיד״, אוּן וֶוער עֶס אִיז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד וֵוייסְט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט, מֶען אִיז מְקַנֵּא דִי זַאךְ פוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר דָאס אִיז גוּט צוּ מְקַנֵּא זַיין, אַנְדֶערֶע זַאכְן אִיז נִישְׁטָא, נִישְׁטָא קֵיין עוֹלָם הַזֶּה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קיט), אֶפְשָׁר אוֹיבְן אִיז דָא אַן עוֹלָם וָואס רוּפְט זִיךְ עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז נִישְׁטָא קֵיין עוֹלָם הַזֶּה, דָא אִיז דָא דֶער גֵיהִנּוֹם אוּן דֶער גַּן עֵדֶן; אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט צַדִּיקִים, מֶען בַּאנִיצְט זִיךְ מִיט זֵייעֶרֶע עֵצוֹת, מֶען לֶעבְּט מִיט תּוֹרָה, מִיט תְּפִלָּה, מִיט אֱמוּנָה - אִיז מֶען אִין גַּן עֵדֶן, אוּן אַז נִישְׁט - אִיז מֶען אִין גֵיהִנּוֹם.

אוֹיךְ אִין שְׁלוֹם בַּיִת וְכוּ' זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז דַיין חָבֵר, דַיין שָׁכֵן - הָאט בֶּעסֶער וְכוּ', דָאס אִיז דִמְיוֹנוֹת וָואס דֶער בַּעַל הַדִּמְיוֹן - דֶער יֵצֶר הָרָע - מַאכְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה נב.), דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיבְּן נֶעמֶען, זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כה), הַיינְט הָאט עֶר שׁוֹין אַ נֵייעֶם נָאמֶען, ״דִּמְיוֹן״; עֶר מַאכְט צֶעדְרֵייט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט דִי כֹּחַ הַמְדַמֶּה, עֶר נֶעמְט אַוֶועק דִי חֵן פוּן שְׁטוּבּ אוּן לֵייגְט עֶס אִין אַנְדֶערֶע מְקוֹמוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בְּרוּדֶער טַייעֶרֶער, הִיט דַיינֶע אוֹיגְן, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען אִיז מַפְקִיר דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעפִיל אִין שְׁטוּבּ וְכוּ' וְכוּ', אִיךְ בֶּעט דִיר, אַז דַיין וַוייבּ הָאט פַארְלוֹירְן אִיר חֵן אִין דַיינֶע אוֹיגְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אָנְהֵייבְּן הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט דִיךְ מְשׁוּגָע מִיט דִי דִמְיוֹנוֹת אַז אַנְדֶערֶע הָאבְּן בֶּעסֶערְס, אַנְדֶערֶע הָאבְּן שֶׁענֶערְס; וָואס אִיז אַלֶעס דִמְיוֹנוֹת.

אַז דוּ בִּיסְט פַארְקְלֶעבְּט אִין קוּקְן מָאוִויס וְכוּ' אִיז דַיין עֵצָה אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת. וֶוער עֶס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין מָאוִויס, אִיז כִּמְעַט אוּמְמֶעגְלִיךְ עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען פוּן דֶעם אָפְּלָאזְן, נָאר מִיט דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה הָאט מֶען דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ וֶוערְן צוּרִיק נָארְמַאל; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): ״שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן עֶר אִיז שׁוֹין

אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג כַּךְ וְכַךְ, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז וֶוען דִי רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט עֶר גֶעמֵיינְט מִיט דֶעם דָאס לֶערְנֶען אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

### זִיךְ אָנְטוּן אַזוֹי וִוי דִי חַבֶרְ'טֶעס?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִין מַיין מִשְׁפָּחָה פִּירְט מֶען זִיךְ אַז דִי מֵיידְלֶעךְ גֵייעֶן מִיט וַוייסֶע טֵייץ אוּם שַׁבָּת, אוּן עֶס שְׁטֶערְט מִיךְ זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק, וַוייל יֶעדֶער גֵייט מִיט שְׁוַוארְצֶע טֵייץ, אוּן אוֹיךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס פְלֶעגְן יָא גֵיין מִיט וַוייסֶע טֵייץ הָאבְּן זִיךְ גֶעטוֹישְׁט צוּ שְׁוַוארְצֶע; יֶעדְן שַׁבָּת שְׁטוּפּ אִיךְ אָפּ דָאס זִיךְ אָנְצוּטוּן וַוייל אִיךְ וִויל נִישְׁט גֵיין מִיט וַוייסֶע טֵייץ, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

עֶס אִיז גוּט צוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי לְבוּשׁ אַזוֹי וִוי דִי מַאמֶע גֵייט; יֶעצְט וֶוען

מֶען איז יוּנְג וויל מֶען מַאכְן ווי דִי חַבֶרְטֶ׳עס, אָבֶער רִיכְטִיג אִיז - זִיךְ צוּ פִירְן אַזוֹי ווי דִי מַאמֶע פִירְט זִיךְ; וָואס וֶועט זַיין וֶוען אִיר וֶועט חַתוּנָה הָאבְּן אוּן אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט וֶועלְן גֵיין אַזוֹי ווי אַייךְ, זֵיי וֶועלְן נָאכְמַאכְן זֵייעֶרֶע חַבֶרְ׳טֶעס? וֶועט דָאס אֵייךְ נִישְׁט זַיין אַיינְגֶענֶעם.

שְׁמוּעֶסְט עֶס אוֹיס מִיט אַייעֶר מַאמֶע, אוּן ווי אַזוֹי דִי מַאמֶע זָאגְט אִיר זָאלְט טוּן - אַזוֹי זָאלְט אִיר טוּן. דִי תּוֹרָה זָאגְט (מִשְׁלֵי א, ח): "וְאַל תִּטּשׁ תּוֹרַת אִמֶּךָ", דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי וֶועגְן וָואס דַיין מַאמֶע לֶערְנְט מִיט דִיר; אַז מֶען גֵייט ווי דִי מַאמֶע וויל מֶען זָאל גֵיין - דֶערְלַייגְט מֶען נִישְׁט.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע חַבֶרְ׳טֶעס, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אִידִישֶׁע קְלֵיידֶער, אִיךְ זָאל לִיבּ הָאבְּן צוּ גֵיין אָנְגֶעטוּן שַׁבָּת מִיט שַׁבָּת קְלֵיידֶער, אִיךְ זָאל נִישְׁט אַרָאפְּקוּקְן דִי אִידִישֶׁע וֶועג, דִי עֶרְלִיכֶע וֶועג, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ אוּן מַיינֶע דוֹרוֹת זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ, מִיר זָאלְן נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועג ווי אַזוֹי אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, וַוייל נָאר אִין דִי זְכוּת פוּן גֵיין אָנְגֶעטוּן אִידִישׁ - זֶענֶען מִיר אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן גָלוּת מִצְרַיִם, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה יג, כ), אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן מִצְרַיִם אִין זְכוּת וָואס זֵיי הָאבְּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן צוּ רֶעדְן אַ אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ, הָאבְּן אִידִישֶׁע נֶעמֶען אוּן זִיךְ אָנְטוּן אִידִישׁ"; אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן לִיבּ הָאבְּן דִי וֶועג ווי אַזוֹי מֶען גֵייט שַׁבָּת וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## חִיזוּק צוּ טוּן פָּשׁוּטְ'עֶ מִצְוֹת?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶרְשְׁטְנְס וויל אִיךְ זָאגְן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין וֶוערְטֶער צוּ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע בֵּית פֵיגָא שִׁיעוּרִים, עֶס טוּישְׁט מַיין לֶעבְּן צוּם גוּטְן.

עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ טוּן דִי פָּשׁוּטְ'עֶ מִצְוֹות, צוּם בֵּיישְׁפִּיל אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, דַאוֶוענֶען, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; אִיז דָא עֶפֶּעס אַן עֵצָה עֶס גְרִינְגֶער צוּ מַאכְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

נֶעמְט זִיךְ פָאר וֶוען אִיר גֵייט שְׁלָאפְן זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער, אוּן אִינְדֶערְפְרִי זָאלְט אִיר נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער; אַז מֶען גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער גֵייעֶן אַוֶועק פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַזִיקִים, דֶער מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה. אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען גִיסְט נִישְׁט אָפּ קֵיין נֶעגְל וַואסֶער - אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה, אַלֶעס וָואס מֶען כַאפְּט אָן וֶוערְט טָמֵא; אוּן דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס אִיז אַייךְ אַזוֹי שְׁוֶוער דִי מִצְוָה פוּן נֶעגְל וַואסֶער, אִיז וַוייל נֶעגְל וַואסֶער אִיז אַזַא הֵיילִיגֶע זַאךְ אַז דִי קְלִיפּוֹת אוּן שֵׁדִים הָאבְּן זֵייעֶר מוֹרָא פוּן דֶעם, דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן שְׁוֶוער, זֵיי מַאכְן מֶען זָאל נִישְׁט הָאבְּן גֶעדוּלְד, מֶען זָאל זִיךְ אַרוֹיסְדְרֵייעֶן דֶערְפוּן, מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן אָן אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אוּן אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע יֶעדֶע נַאכְט אֵיידֶער אִיר גֵייט שְׁלָאפְן; קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.), וֶוער עֶס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּיטָה -

"מַזִּיקִין בְּדִילִין הֵימֶנּוּ", גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע מַזִּיקִים פוּן אִים; נָאךְ זָאגְן זֵיי (שָׁם), דֶער וָואס לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע פַּארְן שְׁלָאפְן גֵיין: "כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ", אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הַאלְט אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד וָואס הָאט צְוֵויי שַׁארְפְן, עֶר פַארְשְׁנַיידְט אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן מַזִּיקִים, אוּן עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְן.

וְעַל כּוּלָם זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ אַז אִיר זָאלְט קֶענֶען טוּן מִצְווֹת, אוּן אִים שְׁטֶענְדִיג מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ; דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל בַּאקוּמֶען אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְקַנֵּא זַיין מַיינֶע בְּרִידֶער וָואס פָּארְן קַיין אוּמַאן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ הֶער דָאס וָוארְט "אוּמַאן" פוּן מַיינֶע בְּרִידֶער, פַארְשְׁטָאפּ אִיךְ מַיינֶע אוֹיעֶרְן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי נִישְׁט לִיבּ וֶוען זֵיי רֶעדְן דֶערְפוּן, אוֹיךְ בִּין אִיךְ זֵיי זֵייעֶר מְקַנֵּא.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינְדֶערְפְרִי אִיז מִיר אַבִּיסְל גְרִינְגֶער, וַוייל מִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ אַפָּאר בְּרֶסְלֶבְעֶ פְרוֹיעֶן, אָבֶער בַּיינַאכְט הֶער אִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ טְרַאכְטְן פוּן מַיין טַאטֶע אוּן מַיינֶע בְּרִידֶער; אִיז דָא אַ עֵצָה אַז עֶס זָאל וֶוערְן גְרִינְגֶער?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

בֶּעטְס אַייעֶר טַאטֶע עֶר זָאל אַייךְ נֶעמֶען קֵיין אוּמַאן; דֶעם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן

אִיז אוֹיךְ פַאר פְּרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ. פְּרֶעגְט אַייעֶר טַאטֶע, אֶפְשָׁר אֵיין מָאל קֶענְט אִיר פָּארְן מִיט אִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן.

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ אַז פְּרוֹיעֶן זָאלְן קוּמֶען, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ פַאר פְּרוֹיעֶן צוּ גֵיין צוּם צִיּוּן, אוּן אוֹיךְ אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ גֵיין אִין גַאס, אִין דִי אַלֶע גַאסְן וואוּ צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענֶער קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן; אָבֶער דוּרְכְן יָאר אִיז גוּט אַז אִיר זָאלְט אֵיין מָאל קוּמֶען צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן זָאגְן דָארְט דִי תִּיקּוּן הַכְּלָלִי. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רכה), אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: ״וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית״.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס זִיךְ פָּארְנֶעמֶען פַאר דִי בַּת מִצְוָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶעם שַׁבָּת הָאב אִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט דִי פִיר אוּן פֶערְצִיגְ'סְטֶע מָאל תְּהִלִּים.

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶוער אִיךְ בַּת מִצְוָה, אִיךְ וויל פְרֶעגְן וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ פָּארְנֶעמֶען, אוּן וָואס מֶען טוּט אִין דִי טָאג וָואס מֶען וֶוערְט בַּת מִצְוָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, ט״ז אִיָּיר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵייט זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים אוּן אַז אִיר הָאט שׁוֹין גֶעזָאגְט פִיר אוּן פֶערְצִיג מָאל סֵפֶר תְּהִלִּים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן עג), דוּרְךְ תְּהִלִּים וֶוערְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן, אוּן מֶען בַּאקוּמְט אַ בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווִיל נָאר זַיין גוּט.

בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין סְעוּדָה בַּיים יוֹם הוּלֶדֶת, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט וֶוען מֶען וֶוערְט בַּת מִצְוָה; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע מָאל וָואס מֶען גֶעפִינְט אִין דִי תּוֹרָה וֶועגְן אַ יוֹם הוּלֶדֶת אִיז בַּיי פַּרְעֹה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית מ, כ): "יוֹם הֻלֶּדֶת אֶת פַּרְעֹה". מֶען מַאכְט נִישְׁט קֵיין עֵסֶק פוּן יוֹם הוּלֶדֶת; אִינֶעם גֶעבוּרְטְס טָאג דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הָאט נָאךְ אַ יָאר גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט אִים צוּ דִינֶען, אוּן מֶען נֶעמְט זִיךְ פָאר גוּטֶע קַבָּלוֹת.

מֶען פִירְט זִיךְ אִין דִי טָאג וָואס מֶען וֶוערְט בַּת מִצְוָה, אַז דִי מַאמֶע בַּאקְט חַלּוֹת אוּן מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי טָאכְטֶער וָואס וֶוערְט יֶענֶעם טָאג מְחוּיָּב מִיט מִצְוֹת - זָאל אָפְּשֵׁיידְן חַלָּה; דִי מַאמֶע לֶערְנְט אוֹיס דִי טָאכְטֶער דִי מִצְוָה פוּן חַלָּה, אוּן וִוי אַזוֹי מֶען זָאגְט דִי תְּפִלָּה וְכוּ'.

נֶעמְט זִיךְ פָאר לְכָבוֹד אַייעֶר בַּת מִצְוָה אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְדְרֵייעֶן אִין שְׁטוּבּ - אֲפִילוּ פְּרִיוָואט - אָן קֵיין שְׁטְרִימְפּ, נָאר בַּיים שְׁלָאפְן שְׁלָאפְט מֶען אָן שְׁטְרִימְפּ; צְנִיעוּת אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וָואס אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער הָאבְּן, אוּן בִּזְכוּת צְנִיעוּת אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן - סַיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סַיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט - פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# איש אֱמוּנוֹת

## אַלֶעס אִיז פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְש

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי לְסֵדֶר טָהֳרָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז אִיר הָאט זִיךְ צֶעבְּרָאכְן אַייעֶר פוּס, אוּן אִיר הָאט שְׁטַארְקֶע וֵוייטָאג.

אִיךְ ווִיל אַייךְ שְׁטַארְקְן, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין ז.): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה", אַ מֶענְטְש צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט, "אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען הָאט דָאס אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל; זֶעט מֶען אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט מִיטְן מֶענְטְש - רוּפְט מֶען אוֹיס עֶרְשְׁט אִין הִימְל, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דָאס אִיז פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְש; דַארְף מֶען דָאס אָנְנֶעמֶען מִיט לִיבְשַׁאפְט, אוּן מֶען דַארְף גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְש.

אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ שְׁנֶעלֶע רְפוּאָה, אִיר זָאלְט הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע פִּיס, אִיר זָאלְט קֶענֶען גֵיין, שְׁפְּרִינְגֶען אוּן טַאנְצְן.

דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אַייךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ שִׁיקְן שְׁנֶעל אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

...

## בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ב׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳**

זָאגְט תְּהִלִּים אוּן פְּלֶעכְטְס אַרַיין אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע לוֹיב וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אִים בֶּעטְן פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, זֵיי זָאלְן וַואקְסְן הֵיילִיג אוּן זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

...

## אַלֶעס רוּפְט מֶען אוֹיס אִין הִימְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**יוֹאֵל מְנַחֵם גֵּרְשׁוֹן נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל מַאכְן אַ מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר דִי קִינְדֶער לְכָבוֹד לַ״ג בָּעֹמֶר, דִי מַעֲשֶׂה פוּן יְרוּשַׁלְמִי (שְׁבִיעִית ט, א; בְּרֵאשִׁית רַבָּה עט, ו) וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט גֶעהַאט בַּיים אַרוֹיסְגֵיין פוּן הֵייל.

בֶּעט דֶעם מֶעלֶער זָאל מַאכְן אַ בִּילְד ווִי אַ פַאנְגֶער פַאנְגְט פֵייגְלֶעךְ אוּן ווִי אַפָּאר פֵייגֶעלֶעךְ זֶענֶען שׁוֹין אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין דִי נֶעץ, אוּן ווִי אַ פֵייגְל פְלִיט אַוֶועק פוּנֶעם נֶעץ אוֹיף אַרוֹיף, אוּן ווִי צְווֵיי מֶענְטְשְׁן אֵיינֶער עֶלְטֶער אוּן אֵיינֶער יוּנְגֶער, אֵיינֶער וַוייזְט אוֹיפְן פֵייגֶעלֶע. דֶער פַאנְגֶער זָאל אוֹיסְקוּקְן אַבִּיסְל מִיט אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע פָּנִים אַז דִי קִינְדֶער זָאל זִיךְ וֶועלְן פַארְטוּן אִינֶעם בִּילְד. דִי פֵייגְלֶעךְ זָאלְן זַיין גְרוֹיסֶע; בִּכְלַל גְלַייךְ אִיךְ מֶער דִי גְרוֹיסֶע בִּילְדֶער.

״אֵיינְס... צְווֵיי... דְרַיי... נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אַ מְחוּצָף דִי פֵייגֶעלֶע, אִיךְ וֶועל אִים נָאךְ בַּאלְד כַאפְּן״.

אֵיינְס... צְווֵיי... דְרַיי... נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, וָואס גֵייט פָאר? דִי פֵייגְלֶעךְ פְלִיעֶן אַזוֹי שְׁנֶעל אַוֶועק... אִיךְ גֵיי פְּרוּבִּירְן נָאךְ אֵיינְמָאל, אֵיינְס... צְווֵיי... דְרַיי... כַאפּ...! גֶעלוּנְגֶען, אַרַיינְגֶעכַאפְּט!

הָאסְט גֶעהֶערְט דִי בַּת קוֹל: "סְפִּיקוּלָה"? דָאס מֵיינְט גֶעכַאפְּט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דִי מַעֲשֶׂה הָאט פַּאסִירְט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז אַרוֹיס פוּן דִי הֵייל נָאכְן זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּן דִי רוֹימֶער פַאר דְרַייצְן יָאר, דִי רוֹימֶער הָאבְּן גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עֶנֶען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וַוייל עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן דִי גוֹיִם, זֵיי וִוילְן מַאכְן דִי אִידְן זָאלְן טוּן עֲבֵירוֹת, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט זִיךְ גֶעדַארְפְט בַּאהַאלְטְן, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיס גֶעקוּמֶען הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי אַ פַאנְגֶער פַאנְגְט פֵייגְלֶעךְ אוּן עֶס גֵייט אִים נִישְׁט, בִּיז עֶר הֶערְט אַ בַּת קוֹל וָואס זָאגְט: "סְפִּיקוּלָא", דָאס מֵיינְט גֶעכַאפְּט; הָאט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: "קוּק, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פֵייגֶעלֶע קֶען מֶען נִישְׁט פַאנְגֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט אִין הִימְל מֶען זָאל אִיר פַאנְגֶען, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז קֵיין שׁוּם זַאךְ קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ נָאר אַז מֶען רוּפְט דָאס אוֹיס אִין הִימְל".

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר גֵייעֶן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְט טוּן; מֶען דַארְף זִיךְ פַארְלָאזְן נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי... רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי..."

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מִיט תְּפִלָּה קֶענְט אִיר הָאבְּן קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוער זָאגְט אַז עֶנְק קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן קִינְדֶער נַאטִירְלִיךְ? וֶוער הָאט אַזוֹי גֶעזָאגְט? דֶער דָאקְטֶער?! דֶער דָאקְטֶער אִיז נִישְׁט בַּאגְלֵייבְּט, דֶער דָאקְטֶער

אִיז נִישְׁט קֵיין פּוֹסֵק, דִי תּוֹרָה הָאט גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת פַאְרן דָאקְטֶער נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ, צוּ הֵיילְן דֶעם מֶענְטְשׁ (בְּרָכוֹת ס.), אָבֶער צוּ גֵיין זָאגְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין קִינְדֶער, אָדֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט הָאבְּן קֵיין רְפוּאָה - דָאס אִיז נִישְׁט בַּארֶעכְטִיגְט.

מִיר הָאבְּן תְּפִלָּה וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן טֶבַע; דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְס אִים מִיט רַחֲמָנוּת עֶר זָאל עֶנְק גֶעבְּן קִינְדֶער, אוּן לַאכְט זִיךְ אוֹיס פוּן דִי טֶבַע, נִישְׁטָא קֵיין טֶבַע, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַזוֹי וֶועלְן עֶנְק הָאבְּן קִינְדֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן א): "כִּי כְּשֶׁנִּגְאֶלֶת הַתְּפִילָּה אָז נוֹפְלִים כָּל הָרְפוּאוֹת, כִּי נִתְרַפְּאִין עַל יְדֵי דְּבַר ה'", וֶוען מֶען דַאוֶוענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - פַאלְן אַוֶועק אַלֶע רְפוּאוֹת, מֶען דַארְף מֶער נִישְׁט קֵיין רְפוּאוֹת, וַוייל מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט דוּרְךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, "וַאֲזַי כָּל הַדָּאקְטוֹרִים מִתְבַּיְּשִׁין בִּרְפוּאוֹת שֶׁלָּהֶם", דֶעמָאלְט שֶׁעמֶען זִיךְ אַלֶע דָאקְטוֹירִים מִיט זֵייעֶרֶע רְפוּאוֹת; "כִּי אֲזַי אֵין כֹּחַ לְשׁוּם רְפוּאָה כִּי כָל הָעֲשָׂבִים חוֹזְרִים כֹּחָם לְתוֹךְ הַתְּפִילָּה", וַוייל אַלֶע כֹּחוֹת וָואס לִיגְן אִין דִי מֶעדֶעצִינֶען גֵייעֶן אַרַיין אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּפִלָּה אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט דֶערְמִיט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס לוֹינְט דִי מִצְוָה פוּן גֶעבְּן עֶסְן פַאר אַזוֹיפִיל קִינְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ו' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**חַיִּים שְׁלֹמֹה קוֹיפְמַאן נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיךְ בַּאדַאנְקֶען בְּשֵׁם אַלֶע עֶלְטֶערְן אוּן בְּשֵׁם דִי גַאנְצֶע מוֹסָד פַארְן קָאכְן טָאג טֶעגְלִיךְ פְרִישְׁטָאג אוּן מִיטָאג פַאר דִי קִינְדֶער מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז דוּ טְרַאכְסְט פוּן מָאל צוּ מָאל: 'וָואס פֶעלְט מִיר אוֹיס דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט?' פוּן אִינְדֶערְפְרִי בִּיז

שְׁפֶּעט אִין טָאג אַרְבֶּעטְסְטוּ שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען אַהֶער שְׁטֶעלְן פִינְף הוּנְדֶערְט פָּארְצִיעֶס פְרִישְׁטָאג, אוּן פִינְף הוּנְדֶערְט פָּארְצִיעֶס מִיטָאג פַאר דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה, בֵּית פֵיגָא אוּן יְשִׁיבָה, אוּן וְעַל כּוּלָם מַאכְסְטוּ נָאךְ גוּטֶע שְׁפַּייז פוּן מָאל צוּ מָאל לְכָבוֹד דִי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע מְלַמְדִים; אִיךְ זָאג דִיר עֶס לוֹינְט דִי אַרְבֶּעט, עֶס לוֹינְט דִי מִצְוָה פוּן גֶעבְּן עֶסְן פַאר אַזוֹיפִיל קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן דָאס אִיז רִיכְטִיג מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן, וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קנ): "בַּיי וֶועם אִיךְ נֶעם - גֶעבּ אִיךְ צוּרִיק כִּפְלֵי כִּפְלַיִם".

זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף זָאגְן יֶעדְן טָאג ח"י פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, אוּן זָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים אוּן גֵיי אַבִּיסְל שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי חֲסִידִי'שֶׁע קְלֵיידֶער, הַאלְט אִין קָאךְ אַ צִיצִית וָואס מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ קָאכְן, אוּן אַז דָאס וֶועט שְׁמוּצִיג וֶוערְן זָאלְסְטוּ בַּיים אַהֵיים גֵיין זִיךְ טוֹישְׁן; לָאז דִי צִיצִית פוּן קָאכְן אִין קָאךְ אוּן טוּ אָן אַ שֵׁיינֶע זוֹיבֶּערֶע וָואלֶענֶע צִיצִית. גֵיי אָנְגֶעטוּן חֲסִידִי'שׁ, אִיךְ וִויל דִיר מַאכְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, אַ חֲסִידִי'שֶׁע שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס וֶועט הֶעלְפְן דָאס זָארְגְן?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת אַחֲרֵי קְדוֹשִׁים, ז' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זָארְגְט נִישְׁט, אַ שָׁאד צוּ זָארְגְן, אַייעֶר שִׁידוּךְ הָאט מֶען שׁוֹין אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל נָאךְ אֵיידֶער אִיר זֶענְט גֶעבּוֹירְן (סוֹטָה ב.); אִיז וָואס וֶועט הֶעלְפְן דָאס זָארְגְן? אַ שָׁאד צוּ טְרַאכְטְן טָאג אוּן נַאכְט: 'וֶוער וֶועט זַיין מַיין חָתָן?'

גֶעבְּט זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר מַאכְט אַזֶעלְכֶע נִיסִים מִיט אַייךְ, אוּן בֶּעטְס אִים עֶר זָאל אַייךְ הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן עֶרְלִיכֶע לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת.

כַאפְּט אַרַיין - ווילַאנְג איר זֶענְט אַ מֵיידְל - צוּ הֶעלְפְן אַייעֶר מַאמֶע; וִויפִּיל אִיר וֶועט נָאר הֶעלְפְן אִיז נִישְׁט גֶענוּג, אַ מַאמֶע דַארְף מֶען הֶעלְפְן אָן אַ שִׁיעוּר, בִּפְרַט אִיר וָואס אִיר הָאט אַזַא טַייעֶרֶע מַאמֶע, אֵיינְס אִין דֶער וֶועלְט; זָאלְט אִיר אִיר הֶעלְפְן אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

גֶעבְּט אַ גְרוּס פַאר אַייעֶר טַאטֶע.

...

## שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיווּ.

דָאס וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט, עֶס הָאט זִיךְ אַייךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אַ בִּילְד בְּמַחְשָׁבָה פוּן אַ צֶלֶם, פוּן אַ שְׁתִי וָעֶרֶב, אוּן אִיר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן קָאפּ, אִיר זֶענְט דֶערְשְׁרָאקְן אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט אִין אַ צַייט וָואס אִיר זֶענְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען וְכוּ׳, אוּן אִיר זֶענְט דֶערְשְׁרָאקְן וְכוּ׳; מַאכְט נִישְׁט קֵיין עֵסֶק דֶערְפוּן, אַ צֶלֶם אִיז גָארְנִישְׁט, דִי גַאנְצֶע זַאךְ אִיז אֵיין גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן, אִיר דַארְפְט גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

דָאס אַז דִי מַחֲשָׁבָה אִיז נִישְׁט אַרוֹיס - דָאס אִיז פָּשׁוּט, דָאס זָאגְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן עב): ״כִּי זֶה טֶבַע וּסְגֻלַּת שֶׁל אֵלּוּ הַיְצָרִין הָרָעִים הַמְזֹהָמִים״, אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע שְׁמוּצִיגֶע יֵצֶר הָרָע, ״כָּל מַה שֶׁרוֹצִים לְהִתְגַּבֵּר עַל אֵלּוּ הַמַּחֲשָׁבוֹת״, ווִי מֶער מֶען ווִיל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵיי, ״יוֹתֵר וְיוֹתֵר הֵם מִתְגַּבְּרִים״, שְׁטַארְקְן זֵיי זִיךְ שְׁטֶערְקֶער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ; אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען לוֹיפְט אַוֶועק פוּן אֵיינֶעם, אוּן אַז מֶען קוּקְט צוּרִיק אוֹיף יֶענֶעם וֶוערְט יֶענֶער שְׁטֶערְקֶער, וַוייל עֶר זֶעט וִוי מֶען קוּקְט צוּרִיק, אוּן דָאס מַאכְט יֶענֶער זָאל וַוייטֶער נָאכְלוֹיפְן, אַזוֹי אַרְבֶּעט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, וִוי מֶער מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ מִיט זֵיי וֶוערְן זֵיי שְׁטֶערְקֶער, מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט פַארְטְרַייבְּן דוּרְךְ זִיךְ קְרִיגְן מִיט זֵיי.

דִי עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת אִיז שִׂמְחָה, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "גַּם עַצְבוּת הוּא מַזִּיק מְאֹד וְנוֹתֵן כֹּחַ לְזֶה הַיֵּצֶר הָרָע הָעָב הַגַּשְׁמִי", נָאר מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען זַיין אַ בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף דִי מַחֲשָׁבוֹת, דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקוּן כב, דַּף סז.): בְּשִׂמְחָ"ה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מַחֲשָׁבָ"ה; מִיט שִׂמְחָה קֶען מֶען קָאנְטְרָאלִירְן דִי מַחֲשָׁבוֹת.

דִי אַנְדֶערֶע בִּלְבּוּל וְכוּ'; דָאס אִיז אַלֶעס מַעֲשֶׂה סַמֶ"ךְ מֶ"ם אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ טוּן וְכוּ'; זַייט פְרֵיילִיךְ אַז אִיר זֶענְט זוֹכֶה צוּ הִיטְן דִי הֲלָכוֹת אוּן צוּ גֵיין וְכוּ', וַוייל מִיט שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה וְכוּ' בְּרֶענְגְט מֶען אַרָאפּ הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת, דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן בְּרֶענְגֶען גֶעזוּנְטֶע הֵיילִיגֶע נְשָׁמוֹת - שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה, זַיין פְרֵיילִיךְ אַז מֶען טוּט דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ' וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זַיין אִין דִי חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר, טְבֶרְיָ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס רִיכְטִיג צוּ בּוֹיעֶן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס דַאךְ.

דוּ לֵייג אַרַיין דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ אִין דִי חֵדֶר; וֶועט זַיין אַ שׁוּל פַּאר אוּנְזֶער חַבּוּרָה אִין טְבֶרְיָ' - מַה טּוֹב וּמַה נָּעִים, אוּן אַז נִישְׁט - קֶענְסְטוּ צוּרִיק גֵיין דַאוֶוענֶען אִין ...; דַיין דַאֲגָה זָאל זַיין דִי חִינוּךְ פוּן חֵדֶר, לָאז דִי אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים דַאֲגָה'נֶען פַאר אַ שׁוּל, דַיין קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זַיין אַז אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דוּרְךְ זַיין פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי יָאר וֶועל אִיךְ נִישְׁט זַיין אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעֹמֶר, דִי יָאר מַאכְן מִיר אִין שְׁטֶעטְל לַ"ג בָּעֹמֶר אַ סְעוּדָה, מִיר וֶועלְן מְסַיֵּים זַיין סֵפֶר הַזּוֹהַר. אוֹיךְ וֶועט זַיין אַ הַדְלָקָה, מֶען וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּם נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, וָואס אֲפִילוּ הָעִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא צָרִיךְ לְקַבֵּל מִשָּׁם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן קפט), וַוייל אַז מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וָואס מִיר זֶענֶען אַזוֹי וַוייט פוּן פַארְשְׁטֵיין דִי סוֹדוֹת פוּן סֵפֶר הַזּוֹהַר, דִי אוֹרוֹת אוּן הַשָּׂגוֹת; אַז מִיר זָאלְן דָאס קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין אוּן לֶעבְּן מִיט דֶעם - דָאס קֶען נִישְׁט זַיין נָאר דוּרְךְ דִי הַקְדָּמוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, וָואס עֶר לָאזְט זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלַאץ, דָארְט אוֹיךְ אוֹיסְשְׁרֵייעֶן אַז עֶס אִיז מְלֹא כָּל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע כֹּחוֹת צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תִּיקּוּן כב, דַף סז.): "וְאִתְּרוֹן בְּשִׂמְחָ"ה אִיהִי מַחֲשָׁבָ"ה", מַחֲשָׁבָה אִיז דִי אוֹתִיּוֹת בְּשִׂמְחָה; דוּרְךְ זַיין פְרֵיילִיךְ הָאט מֶען גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, פַּאזֶעטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן י): "עַל יְדֵי מָרָה שְׁחוֹרָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, "אִי אֶפְשָׁר לְהַנְהִיג אֶת הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ", אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ קֶענֶען טְרַאכְטְן נָארְמַאל, "וְעַל כֵּן קָשֶׁה לוֹ לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ", מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן גוּט, דִי קָאפּ לוֹיפְט נֶעגֶעטִיוו, "רַק עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יוּכַל לְהַנְהִיג הַמֹּחַ כִּרְצוֹנוֹ, וְיוּכַל לְיַשֵּׁב דַּעְתּוֹ, כִּי שִׂמְחָה הוּא עוֹלָם הַחֵרוּת", אָבֶּער וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, זֶענֶען דִי מַחֲשָׁבוֹת מְסוּדָר אוּן מְיֻשָּׁב.

פְרַייטָאג, פֶּסַח שֵׁנִי - זֶענֶען מִיר מְסַיֵּים מַסֶּכֶת מְנָחוֹת אוּן מֶען הֵייבְּט אָן שַׁבָּת אַ נֵייעֶ מַסֶּכְתָּא, מַסֶּכֶת חוּלִין. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, כַאפּ זִיךְ מִיט מִיטְן בַּאן, עֶס פָּארְט אַ בַּאן הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, יֶעדְן טָאג לֶערְנְט מֶען אַ בְּלַאט גְמָרָא מִיט נָאךְ אַסַאךְ לִימוּדִים, כַאפּ זִיךְ מִיט, דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר גֶעבְּן אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

## קִינְדֶער ווילְן נָאר זַיין מֶעכְטִיג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר

בְּנוֹגֵעַ דַיין זון וָואס וויל גֵיין מִיט קוּרְצֶע עֶרְמְל און בַּיי עֶנְק אִין דִי מִשְׁפָּחָה גֵייט מֶען מִיט לַאנְגֶע עֶרְמְל, דוּ פְרֶעגְסְט וָואס אִיז רִיכְטִיג; פוּן אֵיין זַייט ווילְסְטוּ בְּלַייבְּן מִיט דִי וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט בַּיי עֶנְק, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט ווילְסְטוּ ווִיסְן וָואס צוּ טוּן מִיט דַיין זון, עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר מוּטְשֶׁען טָאג נָאךְ טָאג אַז עֶר וויל גֵיין ווִי דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער וְכוּ׳.

זַיי קְלוּג און בֶּעט דֶעם מְלַמֵּד און מְנַהֵל און נָאךְ - וָואס זֶעעֶן דַיין זון - אַז זֵיי זָאלְן אִים פְּרִיוַואט גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט פַּאר דִי וֶועג ווִי אַזוֹי עֶר גֵייט; ווייל עֶס אִיז נִישְׁט דִי קוּרְצֶע עֶרְמְל אָדֶער לַאנְגֶע עֶרְמְל, עֶס אִיז דִי מֶעכְטִיגְקֵייט וָואס דִי קִינְדֶער ווילְן זַיין, קִינְדֶער ווילְן נִישְׁט זַיין בַּטְלָנִ׳ישׁ, און אַז אִין כִּתָּה אִיז דָא מֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן דִי סָארְט וֶועג - ווילְן אַלֶע דָאס נָאכְמַאכְן; דַארְף מֶען זַיין קְלוּג, זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער און זֵיי אוֹיךְ מַאכְן מֶעכְטִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַצְלָחָה אִין אַ שׁוּל, אִיז דִי לִיבְּשַׁאפְט און אַחְדוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י״א אִיָּר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, אִין דִי נֵייעֶ גֶעגְנְט פוּן שְׁטֶעטְל. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶער שַׁבָּת, מִיר הָאבְּן גֶעדַאוֶוענְט אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק. אוֹיךְ זֶענֶען מִיר זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאךְ דִי סְעוּדָה, מִיר הָאבְּן גֶעזוּנְגֶען, און גֶערֶעדְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, עֶס אִיז

גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע שַׁבָּת.

דֶער סוֹד פוּן הַצְלָחָה אִין אַ שׁוּל - אִיז דִי לִיבְּשַׁאפְט אוּן דִי אַחְדוּת, עֶס אִיז נִישְׁט דִי שֵׁיינֶע בַּעֲלֵי תְּפִלָּה, עֶס אִיז נִישְׁט וֶוער עֶס לֶערְנְט פָּאר, וִוי אַ גְרוֹיסֶע בָּקִי עֶר אִיז אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט דִי גוּטֶע מְזוֹנוֹת וָואס מֶען גֶעבְּט בַּיים קִידוּשׁ; דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז דִי אַחְדוּת אוּן לִיבְּשַׁאפְט; דָארְט וואו מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי, אוּן אוֹיךְ נָאר אַז מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּינְ׳ס דִיבּוּרִים - דָארְט גֶעפִינְט זִיךְ דֶער רֶבִּי.

עֶס אִיז דָא גוּטֶע נַייעֶס, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵייגְן דִי יְסוֹדוֹת אִין אוּמַאן פַארְן נַייעֶם בִּנְיָן; וִוי עֶס זֶעט אוֹיס וֶועט דֶער בִּנְיָן זַיין גְרֵייט פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר תשפ״ז הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה, דֶער אַלְטֶער בִּנְיָן אִיז שׁוֹין אוֹיסְגֶעוַואקְסְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא מֶער קֵיין פְּלַאץ פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס קוּמֶען יֶעדֶע יָאר מִיט נָאךְ אוּן נָאךְ קִינְדֶער, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועט דֶער נֵייעֶר בִּנְיָן זַיין אַבִּיסְל מֶער בַּאקְוֶועם; דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶס וֶועט זַיין גְרִינְג צוּ קוּמֶען, קַיין אוּמַאן אִיז נִישְׁט גְרִינְג, קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם תִּיקוּן - אִיז נִישְׁט אַזוֹי גְרִינְג, יֶעדֶער גֵייט אַרִיבֶּער זַיינֶע מְנִיעוֹת אוּן שְׁוֶועריִקְייטְן.

בַּאנֵיי דַיינֶע שִׁיעוּרִים אִין רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ יְרוּשָּׁה: לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן שמט): ״שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ״, מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֶמֶת׳עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת, וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, אוּן עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

ווארִיל אִיז דֶער וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ פַארְרֶעכְטְן אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וועלכע חַיָּה וועט מְנַצֵּחַ זיין?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת אֱמוֹר, י"ב אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ אַז מִיר ווייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת ווִי אַזוֹי צוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שיד): "הַפְּחוּת שֶׁבַּאֲנָשַׁי אֲנִי מוֹלִיךְ אוֹתוֹ בְּדֶרֶךְ שֶׁל צַדִּיק גָּדוֹל מְאֹד", דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן - אוֹיךְ אִים - פִיר אִיךְ אוֹיפְן ווֶעג פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", אִיךְ בִּין אַ טַייךְ ווָאס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן; מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זִיךְ רֵיינִיגְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רלג), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּג פוּן זֶען ווִי מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָא בַּיי דִי קֶענִיגְן, זֵיי הָאבְן אַ פַארְגֶענִיגְן צוּ בְּרֶענְגֶען חַיוֹת ווָאס קְרִיגְן זִיךְ אֵיינֶער מִיטְן צְווֵייטְן, אוּן אַלֶע שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן ווֶעלְכֶע חַיָּה ווֶעט מְנַצֵּחַ זַיין, אוּן דִי קֶענִיגְן הָאבְן אַ גְרוֹיסֶע פַארְגֶענִיגְן פוּן דֶעם, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי אִיז מִיט דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַזוֹי ווִי חַיוֹת, גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען טָהוֹר'ֶע חַיוֹת אוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען דִי טָמֵא'נֶע חַיוֹת, אוּן פוּן הִימְל בְּרֶענְגְט מֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פַארְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל זִיךְ קְרִיגְן מִיט זֵיי, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע תַּעֲנוּג ווֶען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף זֵיי.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם), אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְן רֵיינֶע פַאזֶעטִיוֶוע מַחֲשָׁבוֹת, "הַכְּלָל שֶׁאִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם שֶׁיִּהְיוּ שְׁנֵי מַחֲשָׁבוֹת בְּיַחַד בְּפַעַם אֶחָד", עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מֶען זָאל טְרַאכְטְן צְווֵיי מַחֲשָׁבוֹת אוֹיף אֵיין מָאל, מִמֵּילָא אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ פָּטוּר ווֶערְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דוּרְךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין זִיךְ אַ גוּטֶע מַחֲשָׁבָה, דוּרְךְ טְרַאכְטְן פוּן תּוֹרָה אוּן פוּן תְּפִלָּה, אָדֶער אֲפִילוּ פוּן בִּיזְנֶעס וְכוּ'; אַזוֹי גֵייט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אַוֶועק דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבָה.

מָארְגְן לֵיל שִׁישִׁי וֶועט דִי שִׁיעוּר נִישְׁט זַיין אִין יְשִׁיבָה, דִי שִׁיעוּר וֶועט זַיין בַּיי דִי מְסִבָּה וָואס וֶועט פָארְקוּמֶען פַאר דִי תּוֹמְכִים וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, אוּנְזֶערֶע שֵׁיינֶע הֵיילִיגֶע מוֹסְדוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען וֶועט קֶענֶען מִיט הַאלְטְן דִי שִׁיעוּר אוֹיפְן דִי הוּקְאָפּ. בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז פֶּסַח שֵׁנִי אִיז דִי יָארְצַייט פוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא הָאֱלוֹקִי רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, וֶועלְן מִיר מַאכְן אַ סְעוּדָה אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ פֶּסַח שֵׁנִי סְעוּדָה מִיט דִי חֲבֵרִים וָואס הֶעלְפְן מִיר דֶעקְן דִי מוֹסְדוֹת צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס אִין צַייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַלְץ מַזְכִּיר זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"ג אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם אַרַיין אֱמוּנָה אִין דִיר, לֶעבּ מִיט אֱמוּנָה, חַזֶר אֱמוּנָה, חַזֶר זִיךְ אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס פִירְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס מַאכְט עֶר, אַלֶעס טוּט עֶר אוּן אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס, אוּן אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר יְסוּרִים וְכוּ' - זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צוּקְלֶעמְט זִיךְ נִישְׁט זַיין פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל פוּן פָארְאוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צֶעקְלַאפְּן זַיין פִינְגֶער; אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מִיט פַּרְנָסָה, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יוֹמָא לח.): "בְּשִׁמְךָ יִקְרָאוּךְ וּבִמְקוֹמְךָ יוֹשִׁיבוּךְ, אֵין אָדָם נוֹגֵעַ בְּמַה שֶּׁמּוּכָן לַחֲבֵירוֹ", קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּרִירְן צוּ אַ פְּרוּטָה וָואס אִיז אָנְגֶעגְרֵייט פַארְן חַבֵר, "וְאֵין מַלְכוּת נוֹגַעַת בְּמַלְכוּת חֲבֶרְתָּהּ אֲפִילוּ כִּמְלֹא נִימָא", אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּנֶעמֶען פוּן אַ צְוֵייטְן; נָאךְ זָאגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת נח.): "אֲפִילוּ רֵישׁ גַּרְגִּיתָא מִן שְׁמַיָּא מָנוּ לֵיהּ", אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז מְמוּנֶה צוּ

אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי סוּעֶר, שְׁמוּצִיגֶע אַרְבֶּעט - אִיז אוֹיךְ פוּן הִימְל.

רֶעד מִיט מֶענְטְשְׁן דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, בַּיי יֶעדֶע זַאךְ זָאלְסְטוּ מַזְכִּיר זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס נָאמֶען, וָואס מֶען רֶעדְט זָאלְסְטוּ זָאגְן: "בָּרוּךְ הַשֵּׁם", "גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", "אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם", "חַסְדֵי הַשֵּׁם", "כִּי טוֹב הַשֵּׁם"; דָאס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן דִיר אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אַזוֹי זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה חֵלֶק א, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת.

בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אוּנְז אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן לג): "אֵצֶל הָעוֹלָם אֱמוּנָה הוּא דָּבָר קָטָן", בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אֱמוּנָה אַ קְלֵיינִיקַייט, "וְאֶצְלִי אֱמוּנָה הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", אָבֶּער בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה.

דֶעם שַׁבָּת וֶועל אִיךְ זַיין אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בַּיי מַיין אֵיידֶעם שְׁלִיטָ"א אוּן דַאוֶוענֶען אִין דִי שׁוּל בַּיי דִי גַאס פוּן יְרוּשָׁלַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעטְרוֹי נִישְׁט קֵיינֶעם מִיט גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, ט"ז אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ זִיךְ אַכְטוּנְג מֶען זָאל דִיךְ נִישְׁט בַּא'גַנְבְ'עֶנֶען, גֶעטְרוֹי נִישְׁט קֵיינֶעם, דַארְפְסְט נִישְׁט דֶערְצֵיילְן אַז דוּ הָאסְט אַוֶועק גֶעלֵייגְט גֶעלְט; ווִי וֵוייניגֶער רֶעדְן אַלְץ גֶעזוּנְטֶער. רֶעד נִישְׁט פוּן זִיךְ, בְּלָאז נִישְׁט פוּן זִיךְ, עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס קֵיין גוּטְס פוּן זִיךְ בַּארִימֶען אוּן זִיךְ גְרוֹיסְן.

מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פְרִישֶׁע מַסֶכְתָּא, מַסֶּכֶת חוּלִין; כַאפּ זִיךְ מִיט, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט. לֶערְנֶען

גְמָרָא אוּן זָאגְן גְמָרָא פַארבְּרֶענְט דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ריד): "תַּלְמוּד בְּגִימַטְרִיָּא אוֹתִיּוֹת שֶׁל שְׁמָהּ 'לִילִית'", תַּלְמוּד בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי דִי קְלִיפָּה וָואס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין פְּגַם הַבְּרִית, רַחֲמָנָא לִצְלָן, תַּלְמוּ"ד בַּאטְרֶעפְט פִיר הוּנְדֶערְט אַכְצִיג, אוּן דִי קְלִיפָּה לִילִי"ת בַּאטְרֶעפְט אוֹיךְ פִיר הוּנְדֶערְט אַכְצִיג, "עַל כֵּן יֵשׁ כֹּחַ בְּלִמּוּד הַתַּלְמוּד לְהַכְנִיעַ אוֹתָהּ", אַז מֶען לֶערְנְט גְמָרָא אִיז מֶען מַכְנִיעַ דִי קְלִיפָּה.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער הַארְצִיגֶער חָבֵר, זֶע זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר, אוּן קֵיין שׁוּם זַאךְ זָאל דִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, וַוייל אוֹיף דִי וֶועלְט דַארְף מֶען זֵייעֶר אַסַאךְ חִיזּוּק. אוֹיךְ דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אוֹיךְ זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט זֵייעֶר אַסַאךְ הִתְחַזְּקוּת, אוּן נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען, אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח), אוֹיבּ וָואלְט אִים אֵיינֶער גֶעזָאגְט אַ גוּט וָוארְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אֲפִילוּ נָאר דִי אֵיין וָוארְט 'בְּרוּדֶער שְׁטַארְק זִיךְ' - וָואלְט עֶס אִים זֵייעֶר גֶעהָאלְפְן; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, וָואס מִיר זֶענֶען צֶעבְּרָאכְן אוֹיף פִּיץ פִּיצְלֶעךְ, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וָואס אוֹיף אוּנְז גֵייט אַרִיבֶּער - אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר דַארְפְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן.

אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶערֶעדְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, אִינְמִיטְן רֶעדְן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צֶעפְלַאקֶערְט אוּן גֶעזָאגְט: "פַארְוָואס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי גֶעוָוארְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ גֶעוָוארְן דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ גֶעוָוארְן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָּדוֹשׁ? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס הִתְחַזְּקוּת! פַארְוָואס אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי? וַוייל עֶר הָאט גֶעהַאט דִי מָאס

הִתְחַזְקוּת! און פַארְוָואס בִּין אִיךְ וָואס אִיךְ בִּין? וַוייל אִיךְ הָאבּ דִי מָאס הִתְחַזְקוּת!" דָאס אִיז דִי יְסוֹד פוּן זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, זִיךְ דֶערְהַאלְטְן און נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן; וַוייל אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אִיז אַרִיבֶּער וָואס אִיז אַרִיבֶּער, און נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער אִיךְ דַארְף גֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף אַבִּיסְל חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לֶערְנֶען סֵפֶר הַזּוֹהַר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ – יוֹם א' פָּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, ט"ז אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הַנָאָה אַז דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען רֶעדְן, הָאסְט אוֹיסְדֶערְצֵיילְט דַיין וֵוייטָאג וְכוּ'; אִיךְ וֶועל זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן, זִיךְ נִישְׁט נָאכְלָאזְן פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם.

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דֶער גְרוֹיסֶער טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַזּוֹהַר. מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר, וַוייל דָאס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר הֵיילִיגְט און רֵיינִיגְט דֶעם מֶענְטְשׁ. אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין לֶערְנֶען סֵפֶר תִּקּוּנֵי זוֹהַר, דָאס זָאגְן זוֹהַר און זָאגְן תִּקּוּנֵי זוֹהַר טוּט אָפְוַואשְׁן דִי נְשָׁמָה פוּן אַלֶע שְׁמוּץ, עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט פַאר דִי נְשָׁמָה, עֶס טוּט צוּקְלֶעבְּן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קח): "יָדוּעַ שֶׁלִּמּוּד הַזֹּהַר מְסֻגָּל מְאֹד מְאֹד", לֶערְנֶען זוֹהַר אִיז זֵייעֶר מְסוּגָל פַאר דִי נְשָׁמָה; אוֹיךְ אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַמָאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן אַרִיזַ"ל בֶּעטְן אַ תִּיקוּן פַאר זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעטוּן, הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל גֶעגֶעבְּן אַ תִּיקוּן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג פִינְף בְּלַאט פוּן

זוֹהַר, און אַזוֹי וֶועט פַארְרַאכְטְן וֶוערְן זַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה פוּן אַלֶע שְׁמוּץ.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אִין דִי גְרוֹיסֶע טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי טֵיילְט מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם - דַארְף מֶען נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת מִיטְן הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אַ גַאנְץ יָאר, און וֶוען דוּ טַאנְצְט בַּיי דִי הַדְלָקָה לְכָבוֹד רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ צוּ הָאבְּן אַ שַׁיְיכוּת יֶעדְן טָאג מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי דוּרְךְ לֶערְנֶען און זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן זוֹהַר; דָאס לֶערְנֶען זוֹהַר בְּרֶענְגְט אַ שְׁטַארְק חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, שָׁם): "וְדַע שֶׁעַל יְדֵי לִמּוּד הַזֹּהַר נַעֲשֶׂה חֵשֶׁק לְכָל מִינֵי לִמּוּדִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטַארְקֶע גְלוּסְטֶענִישׁ צוּ לֶערְנֶען אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אִיבֶּער גֶעבְּן פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מִיר הֶעלְפְן אִין בֵּית פִּיגָא, אִיךְ בִּין אִיר זֵייעֶר דַאנְקְבַּאר; אִיךְ בִּין דַאנְקְבַּאר פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן אִין דִי סְקוּל און פַאר אַלֶע וָואס טוּעֶן מִיט אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר זֵיי און אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים אִין דֶעם זְכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רַבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועוְן אַ קִינְד, אַ בָּחוּר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, ט"ז אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

דֶער מַגִּיד שִׁיעוּר ר' מֹשֶׁה שְׁמוּאֵל זָאגְט מִיר אַז דוּ לֶערְנְסְט און דַאוֶוענְסְט אֲפִילוּ עֶס קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער. אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דָאס הֶערְן, אִיךְ ווִיל דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען און דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קוּק נִישְׁט אוֹיף אַנְדֶערֶע, און אַז דִיר נֶעמְט מֶער

צַייט צוּ לֶערְנֶען אֵיין פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, עֶס נֶעמְט דִיר אַזוֹי וִוי עֶס נֶעמְט פַּאר אַנְדֶערֶע צוּ לֶערְנֶען אַכְצֶן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - זָאלְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן, דוּ דִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין וֶועג, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מְנָחוֹת קי.): "אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אָדָם אֶת דַּעְתּוֹ לַשָּׁמַיִם", דֶער וָואס טוּט אַסַאךְ אוּן דֶער וָואס טוּט וֵוייניג - זֶענֶען בֵּיידֶע חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אוֹיף דִי הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אַז דוּ וֶועסְט זַיין אִין מִירוֹן - זָאלְסְטוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַּאר מִיר יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל, אוּן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען הִתְחַזְקוּת; קוּק דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, וָואס מֵיינְסְטוּ? רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל? רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד, אַ בָּחוּר, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וָואס אִיז אַרִיבֶּער, אוּן נָאר וַוייל עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ וָואס עֶר אִיז גֶעקוּמֶען; אוּן דֶערְפַאר זִינְגְט מֶען לַ"ג בָּעוֹמֶר: "בַּר יוֹחָאי נִמְשַׁחְתָּ אַשְׁרֶיךָ שֶׁמֶן שָׂשׂוֹן מֵחֲבֵרֶךָ", אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז אַז מֶען זִינְגְט לְכָבוֹד רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי - 'דֶער זוּן פוּן יוֹחָאי', וָואס אִיז דָאס אַז מֶען זִינְגְט 'בַּר יוֹחָאי' אַ זוּן פוּן יוֹחָאי? נָאר וֶוען מֶען הֶערְט אוּן מֶען לֶערְנְט פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִיקִים, וִוי זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, אִיז דָא אַ טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן; אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל וֶוערְן אוֹיפְגֶעפְלַאמְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִיקִים אוּן טְרַאכְטְן פוּן אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק, אַנְשְׁטָאט אַזוֹי צוּ טְרַאכְטְן, זָאגְט מֶען: 'מֵילָא דִי צַדִיקִים, זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען וַוייל זֵיי זֶענֶען מַלְאָכִים, זֵיי זֶענֶען נִישְׁט קֵיין מֶענְטְשְׁן, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן אַזוֹי הֵיילִיג, אָבֶּער מִיר וָואס מִיר זֶענֶען פְּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן - קֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם'; דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת, אוּן דָאס אִיז דִי טַעַם וָואס מֶען זִינְגְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי - 'בַּר יוֹחָאי' אַ 'זוּן פוּן יוֹחָאי'; אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי עֶלְטֶערְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד בַּיי עֶלְטֶערְן, עֶר אִיז נִישְׁט אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל, נָאר 'בַּר יוֹחָאי' עֶר אִיז אַ קִינְד פוּן אַ

טַאטֶע מַאמֶע; און נָאר דורְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ אויסְגֶעאַרְבֶּעט מִיט תּוֹרָה און תְּפִלָּה - אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּ וָואס עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט אַסַאךְ דֶערְצֵיילְן פון זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כו), בְּפַשְׁטוּת הָאט דָאס דֶער רֶבִּי גֶעטוּן וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעוָואלְט אָנְרֵייצְן מִיר זָאלְן אויךְ וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט בַּאגְנוּגְן מִיט וָואס מִיר טוּעֶן, מִיר זָאלְן אַלְץ שְׁטְרֶעבְּן אויף הֶעכֶערְס, און וֶוען דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט רֶעדְן פון זַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, הָאט מֶען גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן אַז דָאס וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אִיז צוּלִיבּ דֶעם וָואס עֶר אִיז אַ יַחְסָן, אַן אֵיינִיקְל פון הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און אַן אֵיינִיקְל פון דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און אַזוֹי וַוייטֶער, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אַוֶועק גֶעמַאכְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ וָואלְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי אַלֶע מַדְרֵיגוֹת אֲפִילוּ אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי פָּשׁוּט'עֶ עֶלְטֶערְן; דָאס אִיז נִישְׁט צוּלִיבּ זְכוּת אָבוֹת, דָאס אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ פִיל גֶעהָארֶעוֶועט", און יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס וֶועט הָארֶעוֶוען, יֶעדֶער אֵיינֶער, אֲפִילוּ אַ פָּשׁוּט'עֶר מֶענְטְשׁ פון פָּשׁוּטְ'עֶ עֶלְטֶערְן דַארְף וִויסְן, אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר הֶערְן דִי קוֹל פון דִי צַדִּיקִים און טוּן זֵייעֶרֶע עֵצוֹת - הָאט עֶר אויךְ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ קוּמֶען צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם צַדִּיק, וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, ט"ז אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זֶע אַז דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבְּן דִי יָאר אִין שְׁטֶעטְל אויף לַ"ג בָּעֹמֶר, בִּיסְט נִישְׁט גֶעפָארְן קַיין מִירוֹן; לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר - מֶען קֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם צַדִּיק וואוּ מֶען גֶעפִינְט זִיךְ, אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז נִישְׁט

אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זַיין אִין מִירוֹן קֶען זִיךְ אוֹיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אוּן פּוֹעֶל'ן יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי גֶעפִינְט זִיךְ דָארְט וואוּ מֶען לֶערְנְט זַיינֶע תּוֹרוֹת, אוּן דָארְט וואוּ מֶען פִּירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: "אַ שֵׁיינֶע חֲתוּנָּה אִיז יֶעצְט אִין מִירוֹן, אָבֶּער דֶער חָתָן אִיז דָא"; ווייל דָארְט וואוּ מֶען פִּירְט זִיךְ אַזוֹי וִוי דֶער צַדִּיק הָאט גֶעוָואלְט - דָארְט אִיז דֶער צַדִּיק.

אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם זוֹהַר - אִיז דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי דִי מְעָרָה, עֶס אִיז גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז זִיךְ מִשְׁתַּטֵּחַ אוֹיפְן צִיוּן פוּנֶעם צַדִּיק. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קצב), דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק - לִיגְט אִין זַיינֶע סְפָרִים; דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי נָחוּם מִטְשֶׁערְנָאבִּיל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶּכֶת שַׁבָּת, דַּף תקיא), אַז וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִּיק - אִיז אַזוֹי וִוי מֶען אִיז זִיךְ מִשְׁתַּטֵּחַ אוֹיפְן קֶבֶר פוּן דֶעם צַדִּיק, "שִׂפְתוֹתָיו דוֹבְבוֹת בַּקֶּבֶר" (יְבָמוֹת צז.), דָאס גֵייט אַרוֹיף וֶוען מֶען לֶערְנְט דִי תּוֹרוֹת פוּנֶעם צַדִּיק, אַז דָאס אִיז אַזוֹי וִוי מֶען אִיז זִיךְ מִשְׁתַּטֵּחַ בַּיים קֶבֶר פוּנֶעם צַדִּיק, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בָּרוּךְ דַּיַּין הָאֱמֶת, עֶס רַייסְט דִי הַארְץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, ט"ז אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'

אוֹי וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז מִיר צוּ הֶערְן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּשׂוֹרָה, אוֹי וֵויי, אוֹי עֶס רַייסְט דִי הַארְץ; אַ טַאטֶע מַאמֶע זָאלְן אַרִיבֶּער גֵיין אַזַא פַּאסִירוּנְג, עֶנְק הָאבְּן פַארְלוֹירְן אַ טָאכְטֶער אַזוֹי פְּלוּצְלוּנְג; בָּרוּךְ דַּיַּין הָאֱמֶת, הַמָּקוֹם יְנַחֵם אֶתְכֶם מִתּוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק טְרֵייסְטְן עֶנְקֶערֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, אוּן אוֹיךְ אוּנְזֶערֶע צֶעבְּרָאכֶענֶע הֶערְצֶער, אוּן

מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ.

מוֹהֲרַאָ"שׁ זָאגְט, בַּיים מְנַחֵם זַיין אֲבֵלִים, נִיצְט מֶען דֶעם לָשׁוֹן: "הַמָּקוֹ"ם יְנַחֵם אֶתְכֶם". וָואס אִיז דֶער לָשׁוֹן 'הַמָּקוֹ"ם' יְנַחֵם אֶתְכֶם? נָאר עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן כו, דַּף עא:), הַוַיָ"ה בְּהַכָּאָה בַּאטְרֶעפְט מָקוֹ"ם. דָאס הֵייסְט: אַז מֶען רֶעכְנְט צֶען מָאל דִי אוֹת י', פִינְף מָאל דִי אוֹת ה', זֶעקְס מָאל דִי אוֹת ו', אוּן נָאכְאַמָאל פִינְף מָאל דִי אוֹת ה' - קוּמְט עֶס אוֹיס הוּנְדֶערְט זֶעקְס אוּן אַכְצִיג (186) אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט מָקוֹ"ם; מוֹהֲרַאָ"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז דָאס מַסְבִּיר, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ כַּאפְּט קְלֶעפּ, אוּן עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז הַוַיָ"ה בְּהַכָּאָה - "עוֹלָה מָקוֹם", בְּלַייבְּט מֶען אִין פְּלַאץ, דִי לֶעבְּן גֵייט וַוייטֶער אָן, וַוייל אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז אוּנְטֶער גֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער טֶבַע, מִקְרֶה אוּן מַזָל, מֶען מֵיינְט אַז זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיין חַס וְשָׁלוֹם, אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אָן בַּאשׁוּלְדִיגְן אַז מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט טוּן אַזוֹי, מֶען וָואלְט וֶוען גֶעקֶענְט מַאכְן אַנְדֶערְשׁ, דֶעמָאלְט הָאט מֶען מֶער נִישְׁט קֵיין 'מָקוֹם' אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַ פַארְטְרִיבֶּענֶער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; אוּן דָאס זָאגְט מֶען פַאר דִי אֲבֵלִים: "הַמָּקוֹ"ם יְנַחֵם אֶתְכֶם מִתּוֹךְ שְׁאָר אֲבֵלֵי צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם".

לִיבֶּער בְּרוּדֶער אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וִויסְן זָאלְסְטוּ, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן גָארְנִישְׁט, מִיר וֵוייסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן נב), דָאס וָואס מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַּרְכֵי הַמָּקוֹם - דָאס אִיז דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואלְטְן מִיר אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען - וָואלְט גֶעוֶוען כִּבְיָכוֹל דִי שֵׂכֶל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי אוּנְזֶער שֵׂכֶל; מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן נִישְׁט דַּרְכֵי הַמָּקוֹם, מִיר גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז גוּט, אַלֶעס אִיז בְּהַשְׁגָּחָה, אוּן מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג חַזֶרְ'ן דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים לב, ד): "הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ, כִּי כָל דְּרָכָיו מִשְׁפָּט, אֵ-ל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל, צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן.

## אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט צוּם הִימְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקוֹתַי, ט״ז אִיָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**יִצְחָק פָּאפֶּנְהֵיים נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ בְּאֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין הוֹדָעָה.

זַיי מְבַרֵר פַארְוָואס דֶער קִינְד ווִיל נִישְׁט מֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר, אֶפְשָׁר אִיז דָא עֶפֶּעס וָואס מֶען דַארְף פַארְעֶכְטְן.

לַ״ג בָּעֹמֶר אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מַאכְט מֶען נִישְׁט קֵיין חֵדֶר אוּן סְקוּל.

עֶס אִיז רִיכְטִיג צוּ בֶּעטְן דִי עֶלְטֶערְן וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּבּ נִישְׁט אִידִישׁ אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען אִידִישׁ.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת, אוּן אַז דוּ טְרַאכְסְט פוּן אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט אוּן אָפְּלָאזְן וְכוּ׳ - זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט צוּם הִימְל; קוּק אַרוֹיף אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל דִיךְ הֶעלְפְן, עֶר זָאל דִיר גֶעבְּן כֹּחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מְקַשֵׁר זַיין צוּם הֵיילִיגְן תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקוֹתַי, י״ז אִיָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט נַאכְט אִיז לַ״ג בָּעֹמֶר; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, סַיי דִי וָואס זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זַיין אִין מִירוֹן אוּן סַיי דִי וָואס זֶענֶען נִישְׁט זוֹכֶה צוּ זַיין אִין מִירוֹן - קֶענֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ מְקַשֵׁר זַיין צוּם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אוּן זַיין אִין דִי מַעֲרָה.

וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען פַארְיָאר תשפ״ה אִין מִירוֹן מִיט דִי בָּחוּרִים פוּן דִי יְשִׁיבָה אִין יְרוּשָׁלַיִם הָאבְּן זֵיי מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל זֵיי ווַייזְן דִי פֶּתַח הַמְעָרָה, דִי עֶפֶענוּנְג וואוּ מֶען גֵייט אַרַיין צוּ דִי הֵייל; אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אַז דִי וֶועג אָנְצוּקוּמֶען אִין דִי מַעֲרָה אִיז דוּרְךְ דִי מוֹיל, מַעֲרָה מֵיינְט מֶען זַיין דָבוּק אִינֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן 'מַעֲרָה' אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן בַּאהַאפְּטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מְלָכִים א ז, לו): "כְּמַעַר אִישׁ וְלֹיוֹת" וְגוֹ', אַ לָשׁוֹן פוּן אַרוּמְגֶענוּמֶען אוּן בַּאהַאפְּטְן; וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין צוּגֶעקְלֶעבְּט אוּן בַּאהַאפְּטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? מִיט דִי מוֹיל, מִיטְן נִיצְן דִי מוֹיל, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פד): "דַּע שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא עַל יְדֵי הַתְּפִלָּה", דֶער עִיקָר וָואס קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן טוּט אִים בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז תְּפִלָּה, דָאס אִיז דִי מַעֲרָה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, דוּרְכְן הֵיילִיגְן זוֹהַר - וָואס אוֹיף דֶעם אִיז גֶעבּוֹיט אַלֶע סְפָרִים פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים - וֶוערְט מֶען בַּאהַאפְּטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ וָואס מֶען ווִיל בַּאקוּמֶען, לְמָשָׁל מֶען וַוארְט אוֹיף אַ שִׁידוּךְ אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל מַיין שִׁידוּךְ, אִיךְ ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן, אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער זַיין אַלֵיין", אָדֶער מֶען בֶּעט אוֹיף פַּרְנָסָה, אוֹיף גֶעזוּנְט וְכוּ', מֶען בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה, אִיךְ דַארְף קִינְדֶער" - אִיז נִישְׁט נָאר מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ בַּאקוּמֶען דִי שִׁידוּךְ, פַּרְנָסָה אוּן קִינְדֶער, נָאר אַסַאךְ מֶער, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס בֶּעטְן אַלֵיינְס קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה; דָאס אַלֵיינְס אִיז שׁוֹין דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה פַארְן מֶענְטְשׁ.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "'חוּס וְרַחֵם נָא עָלֵינוּ, בְּהִלּוּלָא דְּבַר יוֹחָאי', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער בִּזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק הֶעלְף מִיר, הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, מַיין לֶעבְּן זָאל מִיר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ ווִיל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; 'רְצוֹנֵנוּ לִרְאוֹת מַלְכֵּנוּ, בְּהִלּוּלָא דְּבַר יוֹחָאי', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל דִיךְ שְׁפִּירְן, אִיךְ ווִיל דִיךְ זֶען, אִיךְ ווִיל נִישְׁט מַסִּיחַ דַּעַת זַיין פוּן דִיר - 'בִּזְכוּת אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי'; הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין פַארְזִינְקֶען אִין מַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אִיךְ לוֹיף נָאךְ דִי גֶעלְט, אִיךְ לוֹיף נָאךְ מַיינֶע עֲבֵירוֹת, ווִיפִיל גֶעלְט אִיךְ פַארְדִין - דַארְף אִיךְ נָאךְ אוּן נָאךְ, אִיךְ

פַארְגֶעס פוּן תַּכְלִית, אִיךְ פַארְגֶעס אַז אִיךְ וֶועל אֵיין טָאג דַארְפְן אַוֶועק גֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אִיךְ וֶועל זַיין אַ גוֹסֵס, אַ נִפְטָר, מֶען וֶועט מִיךְ אַוֶועקְפִירְן פוּן מַיין אָפִּיס, פוּן מַיין שְׁטוּבּ, מֶען וֶועט מִיךְ אַוֶועק טְרָאגְן וַוייט אִין פֶעלְד, דָארְט וֶועל אִיךְ לִיגְן אַלֵיין, אוּן וָואס וֶועל אִיךְ דֶעמָאלְט מִיט נֶעמֶען מִיט מִיר? נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה אַרַיינְצוּכַאפְּן יֶעדְן טָאג, מַיין צִיצִית, מַיין תְּפִילִין, מַיין מְזוּזָה, מַיין הִיטְן שַׁבָּת; הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל יֶעדְן טָאג לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, אִיךְ זָאל עֶפֶענֶען אַ חוּמָשׁ אוּן לֶערְנֶען דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, חוּמָשׁ תַּרְגוּם מִיט רַשִׁ"י, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג לוֹיט דִי טֶעג פוּן דִי וָואךְ, אוּן לֶערְנֶען גְמָרָא, מִשְׁנַיוֹת, הֲלָכָה - 'בִּזְכוּת אֲדוֹנֵנוּ בַּר יוֹחָאי'".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וֶועקְט אוּנְז אוֹיף

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י"ח אִיָּיר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיּוֹם תְּאַמְּצֵינוּ, הַיינְט אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג לַ"ג בָּעֹמֶר פִירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען מַאכְט אַ פֵייעֶר אוּן מֶען פְרֵייט זִיךְ זֵייעֶר, מֶען זִינְגְט אוּן מֶען טַאנְצְט לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי. דֶער טַעַם אִיז, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וֶוערְט אָנְגֶערִיפְן מִיטְן נָאמֶען 'בּוֹצִינָא קַדִּישָׁא' דִי הֵיילִיגֶע לִיכְט (הַקְדָּמַת הַזּוֹהַר דַּף ד.; וְעוֹד), וַוייל עֶר הָאט לִיכְטִיג גֶעמַאכְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וֶועקְט אוּנְז אוֹיף מִיר זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי פַארשְׁלָאפְן, מִיר זָאלְן לֶעבְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט; רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי מַאכְט אוּנְז וַואךְ,

מִיר זָאלְן נִישְׁט זַיין צוּגֶעלֵייגְט, מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען בַּאלִיבְּטֶע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אַנְטְפְּלֶעקְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, תּוֹרָה לְכוּ חֲזוּ), אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז מְרוּמָּז אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דָּנִיֵּאל ד, י): "עִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא נָ'חִת", אַ וַואכֶעדִיגֶע הֵיילִיגֶער מַלְאָךְ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען פוּן הִימְל; דָאס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שִׁמְעוֹן, וַוייל רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז וַואכֶעדִיג, עֶר וֶועקְט אוּנְז אַלֶע אוֹיף פוּן שְׁלָאף, מִיר זָאלְן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עַל כֵּן וֶוען דוּ טַאנְצְט בַּיי דִי הַדְלָקָה וָואס מֶען פֵּייעֶרְט לְכָבוֹד דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי - זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ ווִיסְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס צִינְדְן אָן אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת, אוּנְזֶערֶע עֲצָמוֹת יְבֵשׁוֹת - פוּן אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן פוּן אַלֶע שְׁוֶועריקֵייטְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, אוּן צִינְדְן אוּנְז אָן דוּרְךְ אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אוּנְז דִי אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז, בַּיי אוּנְז אוּן נֶעבְּן אוּנְז, אוּן וָואס מִיר דַארְפְּן זָאלְן מִיר זִיךְ וֶוענְדְן נָאר צוּ אִים, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ; אַז מִיר דַארְפְּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט שִׁידּוּכִים, מִיט קִינְדֶער, מִיט גֶעזוּנְט, מִיט פַּרְנָסָה - זָאל מֶען זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן; וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן עֲבֵירוֹת, מֶען זֶעט זִיךְ אַז מֶען אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן מֶען פַאלְט נֶעבֶּעךְ אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן - זָאל מֶען וַויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיךְ, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי בְּלָאטֶע, אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ זָאל מֶער נִישְׁט טוּן דִי זַאכְן".

בַּיי דִי הַדְלָקָה וֶוען אַלֶע טַאנְצְן און אַלֶע פְרֵייעֶן זִיךְ - זָאלְסְטוּ אוֹיךְ אַרַיינְגִיסְן אַבִּיסְל אוֹיל אִין דִי פֵייעֶר און לֵייגְן וַואטֶע, און בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אַזוֹי וִוי דִי וַואטֶע, אִיךְ בִּין וַ ו א טֶ ע, וַוייט פוּן דִיר - צִינְד מִיךְ אָן, אִיךְ וִויל אוֹיךְ בְּרֶענֶען צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל זַיין נָאנְט צוּ דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת אוּם לַ"ג בָּעֹמֶר

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחֻקּוֹתַי, י"ח אִיָּר, לַ"ג בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

"הַיּוֹם תִּשְׁמַע שַׁוְעָתֵנוּ בִּזְכוּת אֲדוֹנֵינוּ בַּר יוֹחָאי", הַיינְט אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ פוֹעֵל'ן יְשׁוּעוֹת; דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה וָואס מֶען קֶען פוֹעֵל'ן אִיז - מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן פוּן דִי שְׁלָאף פוּן נָאכְלוֹיפְן טָאג און נַאכְט דִי בְּהֵמוֹת, זוכְן נָאךְ גֶעלְט און נָאךְ גֶעלְט, און אָנְהֵייבְּן זוּכְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען לֶערְנְט זוֹהַר זֶעעֶן מִיר דָאס לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיב אִידִישֶׁע קִינְדֶער, נִישְׁטָא קֵיין שְׁטִיקְל אִין סֵפֶר הַזּוֹהַר וָואס זָאל זִיךְ נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט דִי הַקְדָּמָה: "זַכָּאִין אִינוּן יִשְׂרָאֵל", וואוֹיל אִיז פַאר אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִתְרְעִי בְּהוּ", אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט, "וּבְגִין דְּאִתְרְעִי בְּהוּ קָרָא לוֹן בְּנִין", און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז לִיב, עֶר רִיפְט אוּנְז קִינְדֶער; יֶעדֶע מָאל רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הֵייבְּט אָן מְגַלֶּה זַיין סוֹדוֹת הֵייבְּט עֶר אָן נָאכְאַמָאל מִיט דִי הַקְדָּמָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ אִידְן; אוֹיךְ גֶעפִינֶען מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַ אִיד וֶוען עֶר טוּט אַ מִצְוָה, אוּן וִוי גְרוֹיס תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אִיז, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶערְנְט תּוֹרָה וֶוערְט עֶר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן וֶוען מֶען דַאוֶונְט גֵייעֶן אַרוֹיף דִי תְּפִלּוֹת בִּיזְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס וֶוערְט פוּן דִי תְּפִלּוֹת אַ קְרוֹין כִּבְיָכוֹל פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי וֶועקְט אוּנְז אוֹיף, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, תּוֹרָה לְכוּ חֲזוּ), רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז אַ וַואכֶעדִיגֶע זַאךְ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דָּנִיֵּאל ד, י): "עִ'יר וְ'קַדִּישׁ מִ'ן שְׁ'מַיָּא נָ'חִת", אַ הֵיילִיגֶער וַואכֶעדִיגֶע מַלְאָךְ אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען פוּן הִימְל, דָאס אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שִׁמְעוֹ"ן; אַז דָאס אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, עֶר וֶועקְט אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיר זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי פַארְלָאשְׁן פוּנֶעם לַאנְגְן טִיפְן גָלוּת, פוּן וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען זָאל וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ אוֹיךְ לִיבּ', אוּן אַז 'יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טוּ אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ קוּם נָאכְנִישְׁט אָן צוּ טוּן דִי גוּטֶע זַאכְן, אָבֶּער אַ רָצוֹן הָאבּ אִיךְ, אִיךְ וִויל טוּן גוּט, אִיךְ וִויל זַיין גוּט - אִיז דָאס זֵייעֶר זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן'; אַזוֹי וִוי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זָאגְט אִין הֵיילִיגְן זוֹהַר (תְּרוּמָה קנ:): "לֵית רְעוּתָא טָבָא דְיִתְאֲבִיד", קֵיין אֵיין גוּטֶע ווִילְן וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט דִי גוּטֶע וִוילְן; אוּן אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דִי לִימּוּד גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם גָלוּת, וַוייל אוֹיסֶער וָואס מִיר זֶענֶען אִינֶעם גְרוֹיסְן גָלוּת, בְּנוֹסָף לָזֶה אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין פְּרִיוַואטֶע גָלוּת, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט, מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ פַארְטְרִיבְּן פוּן דִי קְדוּשָׁה, מֶען קוּקְט זִיךְ אָן שְׁלֶעכְט, מֶען דִמְיוֹנְ'ט זִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז חַס וְשָׁלוֹם בְּרוֹגֶז, אוּן דוּרְךְ דִי לִימּוּד פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, דוּרְךְ דִי לִימּוּד פוּן זוֹהַר וָואס שְׁרֵייט אוֹיס נָאכְאַמָאל אוּן

נָאכְאַמָאל דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי שְׁטַארְק דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ יֶעדְן אִיד - 'יִפְקוּן מִן גָּלוּתָא', גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן גָלוּת (זוֹהַר פַּרְשַׁת נָשֹׂא, קכד:), אוּן אַז אַלֶע וֶועלְן אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם אֵייגֶענֶעם גָלוּת, מֶען וֶועט לֶעבְּן מִיט אַ לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה – וֶועלְן מִיר אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם לַאנְגְן גְרוֹיסְן גָלוּת בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# מהדורת האממער

## הספר הקדוש הזה
## נתנדב לזכות

מוה"ר **משה ישראל האממער** הי"ו

וזוגתו **שרה רבקה** תחי'

ובתם

**איידל**

לרגל הולדת בתם למזל טוב

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבכם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון